**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/11/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט ענדגילטיגע סעקסועלע באלעסטיגונג פאליסי מוסטער צו פארשטערקערן באשיצונגען פאר ניו יארקע ארבייטער**

***פאליסי רעכנט אריין נייע אנווייזונגען צו באשיצן ארבייטער וועלכע ארבעטן פונדערווייטנס; לייגט צו נייע טרענירונג מאטעריאלן דורך די אינטערנעט צו העלפן ניו יארקער בעסער פארשטיין זייערע רעכטן***

***בויט ארויף אויף די גאווערנער'ס פארפליכטונג צו פארבעסערן זיכערהייט און פאראנטווארטליכקייט אין די ארבעטספלאץ***

***זעהט די ענדגילטיגע [סעקסועלע באלעסטיגונג פארמיידונג פאליסי] און [טרענירונג ווידעאו]***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט האט פארענדיגט די ענדערונגען צו די סטעיט'ס [סעקסועלע באלעסטיגונג (טשעפערייען) פאליסי מוסטער], א דאקומענט מיט א ביישפיל וואס ניו יארק סטעיט גיבט פאר ארבעטסגעבער זיי צו העלפן אויספאלגן די סטעיט געזעצן און זיי צו גיבן צוטריט צו ערשט-קלאסיגע פאליסיס איבער סעקסועלע באלעסטיגונג און פארבינדענע נושאים צו באשיצן ארבייטער ביי די ארבעטספלאץ. די ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט האט געארבעט צוזאמען מיט די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון מענטשן רעכטן (New York State Division of Human Rights, NYSDHR), און זיי האבן פארשטערקערט די אנווייזונגען וועלכע אדרעסירן ארבייטער וועלכע ארבעטן פונדערווייטנס, דזשענדער דיסקרימינאציע, נקמה און אנדערע נייע אנווייזונגען פאר ארבייטער אין ניו יארק סטעיט. די ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט האט אויך אויפגעדעקט א נייע לעבעדיגע טרענירונג ווידעאו און מאטעריאלן אויף די אינטערנעט צו העלפן ארבעטסגעבער און ארבייטער איבערן סטעיט צו פארשטיין און אויספאלגן די נייע פארבעסערטע פאליסי און פארלאנגטע טרענירונגען.

"ניו יארק סטעיט נעמט א גרויסע טריט פאראויס ביים מאדערניזירן אונזער סעקסועלע באלעסטיגונג פארמיידונג פאליסי מוסטער צו פארזיכערן אז יעדער ארבעטער האט גלייכע צוטריט צו די מאטעריאלן וועלכע ווען ערמעגליכן א זיכערע און ארייננעמיגע אטאמספערע ביים ארבעט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "ווען איך בין אריין אין אפיס האב איך פארשפראכן צו איבערמאכן די סטעיט'ס פאליסיס צו גיבן פאר ניו יארקער די שטערקסטע באשיצונגען קעגן באלעסטיגונג און אביוז אין די ארבעטספלאץ. יעצט, א דאנק די באמיאונגען פון די לעיבאר דעפארטמענט און די קאמענטארן וועלכע זענען ערהאלטן געווארן פון צאללאזע ניו יארקער, וועלן די פאליסי ענדערונגען און די נייע מאטעריאלן העלפן ביזנעסער צו צופאסן זייערע פאליסיס צו די מאדערנע ארבעטספלאץ און באפעסטיגן ניו יארק'ס שטאנד אלץ א נאציאנאלע פירער פאר שוץ פון ארבייטער."

די נייע פאליסי מוסטער און טרענירונג מאטעריאלן רעכענען אריין אינפארמאציע, שטודיעס פון ספעציפישע פעלער און ממשיות'דיגע ביישפילן פון וויאזוי סעקסועלע באלעסטיגונג קענען געשעהן אין א נייע וועלט פון ארבעט פונדערווייטנס און אין א ברייטערע רייע פון ארבעט ערפארונגען חוץ פון די געוועהנטליכע אפיס, און אזוי אויך איבער וויאזוי דזשענדער דיסקרימינאציע, אריינרעכענענדיג באהאנדלען ארבייטער אנדערש און אין סטערעאטיפישע וועגן לויט זייער דזשענדער, איז סעקסועלע באלעסטיגונג. די כלים העלפן ארבייטער אין פובליק און פריוואטע ארבעטספלעצער צו אויספאלגן ניו יארק סטעיט געזעצן וועלכע פארלאנגען ארבעטסגעבער צו צושטעלן פאר אלע ארבייטער א סעקסועלע באלעסטיגונג און ארבעטספלאץ דיסקרימינאציע פארמיידונג פאליסי, יערליכע סעקסועלע באלעסטיגונג און דיסקרימינאציע פארמיידונג טרענירונג און א קאפיע פון די פאליסי אויף פאפיר אדער דורך אימעיל ווען ארבייטער ווערן אויפגענומען און יערליך דורכאויס די טרענירונג.

גאווערנער האקול האט אנאנסירט פלענער צו מאכן ענדערונגען צו ניו יארק'ס סעקסועלע באלעסטיגונג פאליסי מוסטער אין יולי 2022 צו פארזיכערן אז ניו יארק זעצט פאר צו שטיין אין שפיץ פונעם לאנד ביים באשיצן אירע ארבייטער פון באלעסטיגונג, דיסקרימינאציע און נקמה. די נייע סעקסועלע באלעסטיגונג פארמיידונג פאליסי מוסטער איז געשאפן געווארן אויסהערנדיג ניו יארקער, שתדלנים, פארמישטע פארטייען און אנדערע איבערן סטעיט, סיי דורך די אינטערנעט דורכאויס א לענגערע תקופה ווען קאמענטארן זענען אנגענומען געווארן פון די פובליק, און אזוי אויך פנים אל פנים אין באגעגענישן און ביי א פובליק געהער. די קאמענטארן האבן געשפילט א הויפט ראלע ביים שרייבן די נייע, מאדערנע פאליסי אין פשוט'ע ווערטער, פארזיכערנדיג אז ניו יארק'ס ארבעטסקראפט באקומט די שטערקסטע באשיצונגען וואס זענען נאר מעגליך בשעת'ן ארבעטן.

**ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט קאמישאנער, ראבערטא ריערדאן, האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט זעצט פאר צו זיין אן עקאנאמישע טרייב קראפט וויל א שטארקע און פלייסיגע ארבעטסקראפט האט אונזער רוקן. די נייע סעקסועלע באלעסטיגונג פארמיידונג פאליסי און די ביישפיל טרענירונג מאכט זיכער אז די סטעיט'ס ארבייטער זענען באשיצט. איך באדאנק גאווערנער האקול פאר איר ענדלאזע שטיצע פאר ארבייטער און פאר איר איבערגעגעבנקייט צו זיכער מאכן אז ניו יארק סטעיט זעצט פאר צו זיין א פירער ביים היטן אויף די ארבעטסקראפט."

ניו יארק סטעיט האט איינגעפירט איר ערשטע סעקסועלע באלעסטיגונג פארמיידונג פאליסי מוסטער אין 2018 אלץ טייל פון א דורכברעכנדע לעגיסלאציע וואס האט איינגעקריצט ניו יארק סטעיט'ס פארפליכטונג צו אוועקשטעלן זיכערערע און מער יושר'דיגע ארבעטספלעצער אינעם געזעץ. דער געזעץ פארלאנגט אלע ארבעטסגעבער, אפגעזעהן פון די מאס פון די ביזנעס, צו אננעמען א סעקסועלע באלעסטיגונג פארמיידונג פאליסי און צו אפהאלטן יערליכע טרענירונגען פאר ארבייטער און פאר ניו יארק סטעיט צו צושטעלן א פאליסי מוסטער און טרענירונג צו העלפן ארבייטער צו נאכקומען די פאדערונג. דער געזעץ פארלאנגט אויך אז די נוסח ביישפיל פון די פאליסי וואס ווערט געגעבן דורך די סטעיט זאל איבערגעקוקט און איבערגעארבעט ווערן יעדע פיר יאר.

אין צוגאב צו א נייע טרענירונג ווידעאו וואס איז פארעפנטליכט פאר אלע ארבעטסגעבער איבערן סטעיט, וועט די ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט אויך ארויסקומען מיט א פובליק אויפקלערונג קאמפיין צו העלפן ניו יארקער און ביזנעסער צו פארשטיין די ניי פארשטערקערטע פאליסי. ניו יארק סטעיט האט אויך מאדערניזירט איר 'באקעמפן סעקסועלע באלעסטיגונג' מאטעריאלן וועבזייטל צו אריינרעכענען נייע מאטעריאלן פאר ארבייטער און ארבעטסגעבער, אן איבערגעארבעטע אפט-געפרעגטע פראגן אפטיילונג, און אזוי אויך א נייע טרענירונג 'סליידס' און באגלייטנדע סקריפט און נאך מאטעריאלן וואס ביזנעסער קענען נוצן פאר זייערע ארבייטער טרענירונגען צו פארזיכערן אז די פאליסי ווערט אויסגעפאלגט.

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון מענטשן רעכטן קאמישאנער, מאריא ל. אימפעריאל, האט געזאגט,** "די וויכטיגע שריט פון די סטעיט לעיבאר דעפּארטמענט וועט העלפן אויפבויען מער יושר'דיגע און אריינגעמיגע ארבעטספלעצער, אריינרעכענענדיג די וועלכע זענען פונדערוויייטנס. גאווערנער האקול האט געמאכט דאס עלימינירן סעקסועלע באלעסטיגונג אלץ פריאריטעט, און די דיוויזיע איז שטאלץ צו אינפארסירן אונזער סטעיט'ס ארבעטספלאץ באלעסטיגונג געזעצן. מיר וועלן פארזעצן צו נוצן יעדע כלי וואס שטייט אונז צום האנט צו היטן אויף די כבוד און זיכערהייט פון יעדער ארבעטער אריבער גאנץ ניו יארק סטעיט."

פאר מער אינפארמאציע איבער די יעצטיגע סעקסועלע באלעסטיגונג פארמיידונג פּאליסי מוסטער און צו צוקומען צו אלע טרענירונג מאטעריאלן, באזוכט די [" Combating Sexual Harassment in the Workplace" (באקעמפן סעקסועלע טשעפערייען ביים ארבעטספלאץ) וועבזייטל](). אויב איר אדער איינער וועם איר קענט גייט אריבער סעקסועלע באלעסטיגונג ביים ארבעטספלאץ, [גיבט אריין א באריכט דורך די אינטערנעט]() אדער רופט די NYSDHR'ס נייע אומזיסטע סעקסועלע באלעסטיגונג האטליין אויף 1-800-HARASS-3, מאנטאג ביז פרייטאג, פון 9:00AM ביז 5:00PM .

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418



זיך ארויסשרייבן